בס"ד

# גייען מיר מיטזינגען דעם

# ואת האלף?!...

**מאמר השקפה**

**פר' פקודי – החודש**

**שנת תשפ"ה לפ"ק**

**ואת האל"ף...**

איי, וואס פארשטייט א גוי?!...

האט איר שוין באגעגנט א גוי וואס זאל פארשטיין א עולם הזה'דיגע תאווה פון מיטזינגען דעם '**כאלה**' מיט'ן בעל קורא יעדן חול המועד?!

ווער רעדט נאך ווען עס קומט צום '**ואת האלף**'...

דער עולם גלייכט סתם אזוי צו זינגען ווען מ'רעדט פון אן אלפ'ל מיט אן 'אזלא גרש'... עס האט אזא באזונדערן טעם... גיי זיי עס מסביר פאר די ניו יארק עדיוקעישאן דעפארטמענט...

נאר וואס דען?!

אין א געוועהנליכן יאר הערט מען דאס נאר שבת אינמיטן ליינען ביי רביעי, אבער אין אזא יאר וואס 'ויקהל–פקודי' גייען צוטיילט, קומט אויס אז מ'הערט דאס נאך דריי מאל במשך די וואך, שבת ביי מנחה, שני, און חמישי. נאכדערצו הערט מען עס ביי אן אנהויב פון די קריאה פאר'ן 'ישראל', איז דאס מיט א באזונדערע געשמאק, יעדעם האט לכה"פ איינמאל א שאנס צו זיין דערביי און אויסזינגען מיטן בעל קורא דעם '**ואת האלף**'...

זאל השי"ת העלפן אז אלע טייערע אידן זאלן באשאנקען ווערן מיט'ן 'ואת האלף', און טאקע מיט'ן 'אזלא גרש' באגלייט, מיט יעדן דריי און קוועטש, אלעס זאל מיטשטימען מיט הצלחה.

עד כאן איז דער געשמאקער טייל פון די סוגיא.



> **עס זענען טאקע געווען גאר גרויסע שינויים און איבערקערענישן אויף די וועלט, עס איז געווארן פארשידענע מציאות'ער 'דע-פאקטא', אבער דאס אלעס האט נישט געטוישט דעם דרך הסלולה, מיר זענען ערליכע אידן, נאמנים לה' ולתורתו, מיר רירן זיך נישט אוועק פונעם דרך וואס אונזערע עלטערן האבן אונז געלערנט, דאס איז דער 'דרך התורה'.**
>
> **'בדרך התורה נלך באש ובמים, לקדש שם שמים'.**



## וואס איז דא די נושא...

בלית ברירה מוזן מיר אריבערגיין צו א צווייטע פשט וואס מיר האבן די וואך געלערנט אין די סוגיא פון '**ואת האלף**', וואס איז זייער פיינליך, זייער ווייטאגליך.

יא יא, עס טראפט בלוט פון הארצן, עס שטעכט, עס טוט וויי עד דכדוכה של נפש.

אוי טאטע אין הימל, איז טאקע דער '**ואת האלף**' דער פוסק אחרון ביי די האקעלסטע נושאים פונעם יהדות החרדית?!

אין די ציוני'סטישע ווערסיע הייסט דאס '**קצבאות לבני הישיבות**', אין די אלגעמיינע ווערסיע הייסט דאס '**צורך פרנסה**'...

לאמיר אביסל צונעמען די נושא, לתועלת דעם איינגערן דור וואס האט ווייניגער עוסק געווען אין די ענינים, כאטש וואס ביים עלטערן דור איז דאס אזעלכע דברים פשוטים, עצם מעצמם וואס זיי האבן יונק געווען נאטורליך פון די יונגע יארן.

עס איז נישט קיין סוד אז דאס יהדות החרדית הצרופה, ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות, אידן וואס זוכן צו טון דעם רצון ה', מדקדקים בקלה כבחמורה, זענען די לעצטע אכציג יאר זייער שארף צוטיילן אין דער צוגאנג צום 'מדינה של גהנם'.

לאמיר דאס נעמען צו די גאר דינע ליניע.

מצד אחד איז דא א ריזן ציבור ערליכע אידן, וואס גייען לאור תורתו פון **רבינו הק' מסאטמאר זיע"א** – וכל קדושיו עמו די הונדערטער גאוה"צ, סיי אין ארה"ק, און סיי אין חו"ל – וואס האט ממשיך געווען דעם דרך האמת וואס עס האבן געלערנט די הייליגע אבות הק', און די גרויסע רבי'ס און מנהיגים וואס האבן קובע געווען דעם דרך '**התבדלות**', אז מ'קען נאר מיט א גענצליכע הפרדה פון די רשעים, פון די מפירי ברית, און אויך פון די 'רובצים על המשפתיים', די '**שטאטוסקווא**' אידן, האט מען זיך אפגעטיילט לגמרי.

דאס האט אפגעראטעוועט דאס אונגארישע אידנטום פאר די מלחמה, וואס דער מציאות האט קלאר געוויזן אז דארט איז אוועקגעפאלן אסאך ווייניגער פון די יוגנט, כלפי וואס האט זיך ל"ע אפגעשפילט אין אנדערע מקומות.

ווען בשנת תש"ח איז צושטאנד געקומען די ציוני'סטישע מדינה, האט דער אמאליגער דרך ווידער אויסגערופן '**הבדלו!**'".

דער ארגינעלער דרך הצרופה האט נישט מכיר געווען אין די ציוני'סטישע מדינה, דער דרך האט נישט שלום געמאכט מיטן מצב, דער דרך האט אויסגערופן די צוואה פונעם הייליגן חתם סופר "**חדש אסור מן התורה, יש לנו אב זקן הוא לא נשתנה ולא ישתנה**".

עס זענען טאקע געווען גאר גרויסע שינויים און איבערקערענישן אויף די וועלט, עס איז געווארן פארשידענע מציאות'ער 'דע–פאקטא', אבער דאס אלעס האט נישט געטוישט דעם דרך הסלולה, מיר זענען ערליכע אידן, נאמנים לה' ולתורתו, מיר רירן זיך נישט אוועק פונעם דרך וואס אונזערע עלטערן האבן אונז געלערנט, דאס איז דער 'דרך התורה'.

**'בדרך התורה נלך באש ובמים, לקדש שם שמים'.**

(אגב, עס איז כדאי צו באמערקן אז דער נאסטאלגישער מסירות נפש ניגון פון די 'נטורי קרתא' 'ה' הוא מלכינו ולו אנו עבדים'... וואס איז פארפאסט געווארן דורך הייליגע אידן וואס האבן געשמאכטעט אין די ציוני'סטישע טורמעס ווען זיי האבן לוחם געווען פאר די עיקרי הדת מיט 80 יאר צוריק, איז געווארן א נחלת הכלל, אין די לעצטע תקופה הערט מען זינגען דעם 'ניגון' אויך ביי גאר ווייטע קרייזן

פון אונזער דרך, אבער כנראה אז די הייליגע הרגשה קומט אן צו יעדן 'אינו מתייצב', דהיינו, אז דער נטו"ק מעסעדזש קומט אן...

לאמיר האפן אז 'זה לעומת זה', קעגן דעם חורבן וואס די היינטיגע טריפה'נע ניגונים מאכן חורבנות ביי אונזערע יונגע קינדער, זאל דער הייליגער ניגון וואס אידן האבן מחבר געווען מתוך קדושה וטהרה, מיט מסירות נפש פאר אידישקייט, זאל טאקע אויך **מאכן 'חורבנות'** אין זייערע ישיבות, און אפשר וועט דאס סוכ"ם העלפן אז נאך און נאך בחורים וועלן נתקרב ווערן צו אנערקענען דעם בלאף פון די 'פוסחים על שתי הסעיפים', וואס שלעפן מיט זיך מיט אלפים ורבבות.)

פון די צווייטע זייט זענען געווען ערליכע אידן, גדולי ישראל, אמת'ע צדיקים, וואס זענען געגאנגען אויף א צווייטן וועג.

**די פרייע ווילן באמת פארשטיין, זיי הערן כסדר אז די 'חרדים' שלאגן זיך, די חרדים סטראשענען, זיי האבן עקרונות אויף וואס זיי זענען 'קיינמאל' [...] נישט מוותר, זיי זענען אלעמאל גרייט צו אריינגיין אין די רעגירונג, מיט אן הבטחה אז זיי גייען מארגן ארויס פון די רעגירונג... ווער זענען זיי? וואס ווילן זיי? וואס זענען זייערע עקרונות, און אויף וועלכע נקודה שלאגן זיי זיך?!**

**איז די תשובה "זאת האלף"!!!**

עם איז יעצט נישט אין די ראמען פון אונזער מאמר אריינצוגיין אינעם אריכות פונעם מציאות בימים ההם, וואס עם זענען געווען די סיבות ארום וואס האט גורם געווען צו דעם מציאות, און פארוואס עם איז געלונגען פאר די 'מלחכי פינכא' צו אהערשטעלן אזא מציאות, אבער ליידער, ויצא העגל הזה, דער מציאות איז געשען.

יא, עם איז געווארן א 'קול קורא', איינמאל, צוויי מאל, און דריי מאל, וואס האבן גערופן צו אנערקענען אין די בחירות פון די מדינת השמד.

עם זענען היינט דא רבבות 'ערליכע וואוילע אידן', וואס ווילן זיך פירן לאור תורתם פון זייערע רבי'ס, און זיי גייען צו די בחירות הטמאות, זיי נעמען געלט פון די ציונים, זיי האבן א היבשע קשר מיט די רשעים עוקרי הדת, אבער '**רוממות ק-ל בגרונם**', אלעם וואס זיי טוען – זאגן זיי – איז מיט'ן ציל צו מלחמה האלטן מיט די רשעים. דאס וואס זיי גייען צו בחירות איז '**להציל מה שאפשר להציל**', און דאס וואס זיי נעמען געלט איז ווייל 'את כספינו אנו נוטלים'. זיי שפירן אפשר נישט ווי זיי טרעטן אריין אין טיפע בלאטע, וואס דאס איז דער גורם אז זיי קענען נאכדעם נישט ארויסקריכן דערפון.

איי, רוב זאכן שטימען נישט, עם זענען דא קושיות מדן ועד באר שבע, עם זענען דא אזויפיל זאכן וואס זענען מופרך מעיקרא?!

אויף דעם איז געווענליך דא איין תירוץ: "**על פי הדבר אשר יורוך**", און מ'פארלאזט זיך אויף די חברי הכנסת און די פאליטיקאנטן, אז זיי אינפארמירן פאר די מנהיגים די ריכטיגע אינפארמאציע.

און נאכדעם ליינט מען אין די צייטונגען די החלטות וואס די רבי'ס האבן געזאגט, צי בכלליות ביי שלש סעודות, צי בפרטיות פאר זייערע שלוחים, און מ'זאגט 'שישו מעי', אלעם שטימט אלעם קלאפט, וואס דער פאליטיקאנט האט נעכטן געזאגט אין 'כנסת', און יעדער האט אים אראפגעריסן דערפאר, איז פלוצלונג געווארן א 'מצות עשה', און מ'טאר נישט נאכקלערן.

אלעם איז ריינע ווערטער, שיינע ווערטער, ווערטער וואס קען אפשר גורם זיין התפעלות.

אבער ווען מ'דרייט זיך צווישן דעם ציבור, מ'הערט וויאזוי מ'רעדט אין די בתי מדרשים, אין די מקוואות, מ'הערט וויאזוי דער ציבור רעדט נייעס. אין וועלכע בתי מדרשים מ'רעדט און שמועסט ווי פארברענטע ציונים, ווען יעדע אטאקע אין 'עזה' איז א נס גלוי מן השמים, כאטש די טויזנטער באמבארדירונגען, און די רבבות גע'הרג'עטע, האט נאך נישט געברענגט קיין פינטעלע נאנטער צום ציל פון 'אויסראטן כאמאס', קוקט נאר ווי דער 'גרויסער העלד' ביבי נתניהו ציטערט פאר וואלן... ער ווייסט אז טראץ זיינע 'ביליאנען נצחונות' אויפ'ן פראנט ווערט ער באטראכט ביי א גרוים טייל פון 'זיינע ציונים' אלם א 'סופער לוזער', און זיי ווילן אים נאר זען אינדרויסן.

פון די אנדערע זייט, זענען דא צענדליגער טויזנטער שלומי אמוני ישראל, ווער עם זעט אין די קליפה הציונית נאר כל דבר רע ומאום, יעדער איינער פון די אידן פארשטייט גענוי וואס עם איז געווען די מטרה ווען אונזערע הייליגע רבי'ס האבן געשריגן 'הבדלו'.

אין אלע ערליכע קהילות און בתי מדרשים, דארט רעדן אידן ריינע דיבורים, מ'איז קלאר און מ'ווערט נישט צומישט, דער דעת תורה טוישט זיך נישט קיינמאל, ווייל תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו, גענוי ווי דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט "יש לנו אב זקן ית"ש, לא נשתנה ולא ישתנה". דער פאליטיק פון די גאס טוישט בכלל נישט דעם דעת תורה.

עם זענען ב"ה היינט דא שווערע צענדליגער טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט, אין ארץ ישראל, אין אייראפע, אין אמעריקע, און איבער אלע תפוצות הגולה וואס זענען בכלל נישט קיין חלק פון די ציוני'סטישע פראפאגאנדע. זיי ווייסן דעם בלאף און שקר וואס באגלייט דעם ציוני'סטישן וואגן פון די ערשטע מינוט פון איר גרינדונג, זיי אנערקענען אז די קהילות וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די ציונים בשנת תש"ח, מיט די איינרעדענישן אז אויב וועט מען זיין '**לוחם מבפנים**' וועט מען קענען מער אויפטון, אוי נעבעך, שוין 80–70 יאר וואס זיי זיצן אויף א 'ראולער קאסטער', מען דרייט זיי, מעןווארפט זיי, מען לאכט פון זיי אין פנים, און מ'ווייזט איבער פאר די גאנצע פרייע וועלט וואס זענען חוקר "מי המה החרדים?!".

די פרייע ווילן באמת פארשטיין, זיי הערן כסדר אז די 'חרדים' שלאגן זיך, די חרדים סטראשענען, זיי האבן עקרונות אויף וואס זיי זענען 'קיינמאל' [...] נישט מוותר, זיי זענען אלעמאל גרייט צו אריינגיין אין די רעגירונג, מיט אן הבטחה אז זיי גייען מארגן ארויס פון די רעגירונג... ווער זענען זיי? וואס ווילן זיי? וואס זענען זייערע עקרונות, און אויף וועלכע נקודה שלאגן זיי זיך?!

**איז די תשובה "זאת האלף"!!!**

אין די ציוני'סטישע פרייע גאס וואס הערן כסדר נייעס איבער די חרדים, זיי פארלאנגען, זיי ווילן, זיי סטראשענען, זיי גייען ארוים, זיי וועלן איבערדרייען, אבער געווענליך, אביסל נאכ'ן 'אזלא גרש' איז דא א 'סוף פסוק', דער סוף פסוק איז אלעמאל ווער?!

אה, איר האט צוגעטראפן: **זאת האלף!**

אוי, לאן נוליך חרפתינו, דאס איז אונזער שאנדע, אונזער בושה.

## די סוגיא פון 'זאת האלף'...

יא, אין פרשת פקודי האבן מיר געלערנט '**זאת האלף**'.

מען האט איבערגעדרייט וועלטן אז מ'מוז גיין צו בחירות וועגן '**גזירת**

הגיוס׳.

דער ראש הממשלה האט מבטיח געווען ביי זיינע שמייליגקייטן אז אויב מ׳וועט וועלן פאר אים וועט ווערן א ׳חוק הגיוס׳ איינס אין דער וועלט.

די רעגירונג איז אריינגעקומען, אבער זיי האבן קיין חוק גיוס נישט באקומען. ׳אט אט קומט דער בודזשעט, אבער נאך פאר׳ן בודזשעט וועט זיין א חוק הגיוס׳. נישטא.

דאס האט אנגעהויבן א צירקל וואס דרייט זיך שוין דריי יאר. יעדע דריי וואכן הערט מען פרישע הבטחות פונעם דריי–קאפ ביבי אז ׳אט אט קומט עס׳. איין דעדליין דרייט זיך נאכ׳ן צווייטן, און גארנישט. זיי ווערן אלע גוט פארדרייט, אבער ווילאנג די טשעקלעך זעצן פאר זיך צו דרייען, בלייבט אלעם צודרייט.

פאריאר האט דער באלאן געפלאצט. נאך די שוידערליכע אקטאבער 7 אטאקע האט אויסגעבראכן א מלחמה, און פלוצלינג האט מען זיך דערזען אז אינעם נייעם פאליטישן קלימאט קען מען שוין עמטליך אויפהערן חלומ׳ען. ס׳גייט קיין נייער חוק הגיוס נישט זיין.

אינצווישן איז דער פאריגער געזעץ אויסגעלאפן. דער בג״ץ האט געהאקט מיט׳ן האמערל, און רבבות בני הישיבות האבן זיך געטראפן אין א מצב וואס ס׳הענגט אויף זיי דער שווערד פון טמא׳נעם צה״ל און ׳גיוס חובה׳.

דער צה״ל האט טאקע אנגעהויבן צו שיקן שווערע טויזנטער ׳צווי גיוס׳, אבער וואונדער איבער וואונדער, ווי קיינמאל בעפאר האבן אלע ערליכע בחורים זיך אויסגעלערנט צו פייפן א תקיעה גדולה אויף די ׳צווים׳.

עס זענען ארויסגעשיקט געווארן טויזנטער הזמנות, אבער זעלטן עמיצער קומט אן. פארשטייט זיך אז יעדעם אידיש נפש איז א שרעקליכער פארלוסט, אבער בכלליות האבן איבער 90% פון די ׳געלאדנטע׳, אריינגערעכנט פון די שוואכסטע קרייזן, זיך גענצליך אנגעפיפן און איגנארירט  די באפעלן, און די מדינה איז אפגעריסן חוזק.

א דוגמא, די מהפיכה פאריגע וואך ביי די חתונה אין שטוב פונעם ליטווישן ראש ישיבה הרש״ב סורוצקין, ווען הונדערטער צי גאר טויזנטער ליטווישע בחורים האבן געטאנצן **״ובלשכותיהם אין אנו מתייצבים לקדש שם שמים!״**, וואס האט אנגעמאכט א איבערקערעניש ביי יענע חברה.

מיט עטליכע טעג שפעטער ווען דער גערער מיניסטער גאלדקנאפף איז ׳פארכאפט׳ געווארן ביי א חתונה מיט דעם זעלבן טאנץ, האט ער נעבעך זיך געדארפט ׳אנטשולדיגן׳ אז ער האט געמוזט טאנצן אויף דעם ניגון כדי נישט צו שטערן ׳שמחת חתן וכלה׳.

בכל אופן הוי אומר, אז די בחורים זענען גרייט, זיי זענען דא צו מיטארבעטן, און זיי האבן נישט קיין פראבלעם מיט׳ן ׳איני מתייצב׳, ווען מען זעט אז די מדינה איז דא מיט עקשנות זיך צו פארמעסטן קעגן די ישיבות.

אבער... דא קומט אריין דער ׳אבער׳.

זיצן די פאליטיקאנטן מיט זייערע חשבונות, זיי שרייען ביז׳ן הייזעריג ווערן אז אויב וועט נישט זיין קיין אויסגעהאלטענער ׳חוק הגיוס׳ זענען זיי אינדרויסן פון די ממשלה און די רעגירונג צופאלט. טאקע דער זעלבער גאלדקנאפף האט געליארעמט אויף די העכסטע טענער, געשריבן א שארפן בריוו צו ביבי, אז אויב איז נישטא קיין חוק הגיוס בעפאר׳ן [illegible]

טעסלער (וויזשניץ) און ראטה (צאנז).

ביבי ווייסט אז דאס איז פאר אים גאר אומגינסטיגע נייעס, אן א בודזשעט פאלט די רעגירונג און מ׳גייט צו פרישע בחירות. ער ציטערט דערפון. און ער שוויצט אוועק וואס קען מען טון צו געפעלן פאר די ׳חרדים׳.

ויבוקש הדבר וימצא.

דא איז אריינגעקומען די סוגיא פון ׳זאת האלף׳.

און דא זענען זיי אלע געפאלן ׳כורעים ומשתחוים ומודים׳.

מ׳גייט שטימען פאר׳ן בודזשעט. עס איז קלאר געמאכט געווארן אז אויב די פרומע וועלן נישט זיין קיין שותפים אין די אפשטימונג, אויב שליסן זיי זיך ארויס דעמאלטס וועלן זיי די ערשטע וואס וועלן דאס שפירן, די געלט קראנען פון די ממשלת השמד צו די הייליגע ישיבות וועט פארשטאפט ווערן.

**מיר פרעגן דא א שאלה פון יעדן איד וואס איז געגאנגען צו בחירות מיט עטליכע יאר צוריק:**

**איר שעמט זיך נישט?! איר האלט נישט אז אייערע מכלומר׳שטע נציגים האבן אייך געטראגן צום שאנד-סלוף?!**

**יעדער האט געהאט שאלות און ספיקות, און מ׳האט אייך געצווינגען צום שטים-בודקע, ווייל מ׳מוז ׳ראטעווען דעם מצב׳ פון גיוס.**

**די פרייע ווילן באמת פארשטיין, זיי הערן כסדר אז די ׳חרדים׳ שלאגן זיך, די חרדים סטראשענען, זיי האבן עקרונות אויף וואס זיי זענען ׳קיינמאל׳ [...] נישט מוותר, זיי זענען אלעמאל גרייט צו אריינגיין אין די רעגירונג, מיט אן הבטחה אז זיי גייען מארגן ארויס פון די רעגירונג... ווער זענען זיי? וואס ווילן זיי? וואס זענען זייערע עקרונות, און אויף וועלכע נקודה שלאגן זיי זיך?!**

עס איז געלונגען פאר די שמוציגע קליפה נתניהו זיי צו כאפן ביים קארג, און צום–וויפילטן–מאל זענען זיי ביטער געפאלן.

יא, מ׳גייט שטימען פארן ׳תקציב׳ אפילו אן קיין ׳חוק הגיוס׳, אך ורק אז די געלטער זאלן ווייטער ממשיך זיין צו פליסן. אפילו דער שארפער גאלדקנאפף האט צוריקגעצויגן. ער וועט ווייטער ווארעמען זיין בענקל אין ׳משרד השיכון׳, און מ׳גייט דרייען דעם קאפ מיט א פרישע ׳דעדליין׳.

דאס איז דער מבוזה׳דיגער חלק פונעם **׳זאת האלף׳**.

ביזי בזיונות, לשמצה בקמיהם.

נאך חדשים דרייען א קאפ פאר די מנהיגים, אלע רבי׳ס, אלע אדמורי״ם, אלע ראשי ישיבה, אז דאסמאל מוז מען גיין צו בחירות, ווייל יעצט גייט מען זיך שלאגן אך ורק פאר ׳חוק הגיוס׳.

די רגע וואס עס איז געקומען לכלל מעשה האט מען זיך געלייגט אויף די קניען.

מיר פרעגן דא א שאלה פון יעדן איד וואס איז געגאנגען צו בחירות מיט עטליכע יאר צוריק:

**איר שעמט זיך נישט?! איר האלט נישט אז אייערע מכלומר׳שטע נציגים האבן אייך געטראגן צום שאנד–סלוף?!**

יעדער האט געהאט שאלות און ספיקות, און מ׳האט אייך געצווינגען צום שטים–בודקע, ווייל מ׳מוז ׳ראטעווען דעם מצב׳ פון גיוס.

כהיום, מ׳האט געמאכט פון אייך דאס גענאר בראש כל חוצות, איר זענט ממש אזעלכע מעבירים על מידותיכם, ניטאמאל טוט עמיצער פארהאלטן די ׳הידועים ליראי השם׳, על מה ולמה, אויף וועמענס חשבון

האבן זיי גענומען רבבות שטימען און געמאכט פון אייך אלעמען דאס גענאר פון שטאט?!

יא יא, ואת האל"ף, מיט'ן אזלא גרש...

לכל הפחות זאלט איר זיכער מאכן דעם שבת צו מיטזינגען מיטן בעל קורא, אבער בשעת מעשה אויך געבן צוויי קלעפ אויפ'ן הארצן: 'סלח לנו'.

יא יא, דא שטייען מיר ליידער.

אין די לעצטע טעג האט אונז געשריבן א חשוב'ער מרביץ תורה, א ווארט וואס ער האט געקלערט בשעת ער האט פארגעלערנט א רש"י מסכת קידושין (דף נ"ב ע"ב) עס איז אזוי אמת, אז עס זעהט אויס פשוט פשט.

**כהיום, מ'האט געמאכט פון אייך דאס גענאר בראש כל חוצות, איר זענט ממש אזעלכע מעבירים על מידותיכם, ניטאמאל טוט עמיצער פארהאלטן די 'הידועים ליראי השם', על מה ולמה, אויף וועמענס חשבון האבן זיי גענומען רבבות שטימען און געמאכט פון אייך אלעמען דאס גענאר פון שטאט?!**

**יא יא, ואת האל"ף, מיט'ן אזלא גרש...**

רש"י ד"ה 'אבל כישא' זאגט **אגודה שדרך הירק להיות מתחלק באגודות וכל האגודות הן שוות אם נטלתי אחת טול אתה אחת.**

האט ער געזעהן דעם פשט '**אגודה**' די אגודה. **שדרך הירק** די סדר פון די גרינס- גרינע דאלארן **להיות מתחלק באגודות** צו ווערן צוטיילט פאר די אגודה, **וכל האגודות הן שוות** אלע חברה דארט האבן די זעלבע צד השוה **אם נטלתי אחת טול אתה אחת: וויפיל געלט איך נעם און דו נעמסט אויסער דעם אינטערעסירט זיי גארנישט.**

זאגט נאר רבותי, וואס פעלט פון דעם פשט אז עס זאל ליידער זיין פשוט פשט?!

## די משלחים האבן פארראטן די שלוחים

אויב וואלט געווען עמיצער וואס זוכט צו פארשלאגן א האלבע סברא אז 'מעז יצא מתוק', אז ס'איז כאטש דא א האלבע טובה אז אידן מיט בארד און פיאות זענען פאלנע שותפים אינעם 'אבי אבות הטומאה', זיי זאלן דארט עפעס לאזן הערן אונזער מיינונג פאר די שולי דשולי אין כנסת המינים. איז ליידער דער מציאות פארקערט.

זיי רוקן זיך דארט אן מיט די לאנגע ווייסע בערד, פרוש, גאלדקנאפף, ראטה, און אנדערע. זיי שטעלן אן א פרום פנים ווי שליחי ציבור יום כיפור ביי 'כל נדרי', זיי שרייען אז זיי זענען לוחם פאר 'חוק הגיוס'. זיי זעען אין דמיון די פארשוויצטע בחורים וואס טאנצן מיט די הענט אין די הייך "אין אנו מתפשרים... אין אנו מתפשרים"...

פלוצלינג בלאזט איינער א תקיעה גדולה 'זאת האלף'... מיט דעם 'אזלא גרש', אדער אפשר גאר מיט א 'שלשלת', און די 'שלוחי ציבור' ליגן אויסגעשטרעקט אפים ארצה בפניו פון ביבי נתניהו וואס שמייכלט זיך אונטער, ער שטעקט ארויס א לאנגע צונג, און ציינגט פאר זיינע אנדערע שותפים אין די קאאליציע "**יודע בהמה נפש בהמתו**". איך האב אייך פאראויס געזאגט אז אין דער רגע וואס די נושא פון געלט וועט ארויפקומען אויפ'ן טיש וועלן זיך די חרדים ברעכן, ווייל דאס איז זייער ערשטע און לעצטע בקשה, געלט, געלט, און נאכאמאל געלט.

איז יעצט אונזער וואונדער אויף די ווארעמע בחורים וואס טאנצן ביי חתונות:

"נארישע בחורים, פארוואס זענט עטס געטאנצן, פאר וועמען? פאר וועלכע צילן?!".

ענקערע שלוחי ציבור האבן ענק פארפאקט, זיי לאכן פון אייך אין די פויסטן, און מאכן זיך זייערע אייגענע חשבונות. זיי האבן שוין געטווישט די מהלכים אינצווישן, זיי גייען שטימען פאר'ן 'בודזשעט', און דערווייל וועט די 'ערשטע פארלאנג' פון 'חוק הגיוס' ווארטן אויף שבועות.

זיי טאנצן אייגענע טענצערייען, פאר זייערע אייגענע סיבות.

"אנו רוקדים והם רוקדים...". עס זענען אבער גאר אנדערע סארט טענץ, איר מיינט אז איר טאנצט בשמחת התורה וכבוד התורה ולומדי'.

בשעת ווען אייערע שלוחים טאנצן פאר'ן עגל הזהב.

## נאך פרה קומט 'החודש'

מיר מוזן אבער ענדיגן מיט א זייטיג ווארט פאר אנדערע אידן וואס טאנצן ליידער נאך אלץ פאר'ן עגל הזהב.

אלה פקודי המשכן שנתמשכן
בשביל עוונותיהם של ישראל.

יא דער עגל הזהב.

דער עגל פון 'צורך פרנסה'.

עס איז ליידער דא אזא טאנץ, א שמוציגער טאנץ, א פאלשער טאנץ, וואס האט נישט אונטער זיך קיין שום דעקונג.

יעדער פון אונז קען גרויסע עשירים, ריזיגע ביזנעסלייט, וואס גייען אן מיט ריזן אפעראציעס טאג טעגליך אבער זיי האבן נאר כשר'ע כלים, ערליכע אויסגעהאלטענע טעלעפאנען, און עס פעלט זיי גארנישט פאר פרנסה.

יעדער פון אונז קען אויך די אנדערע לייט, עניים ואביונים, בעלי חובות, נישט געצאלט שכר לימוד די לעצטע שמיטה, די גראסערי וויל שוין נישט בארגן, די עקרת הבית ווייגט נאך א פרוטה פרנסה, אבער זיי האבן א '**סמארטפאון לצורך פרנסה**'...

לצורך פרנסה.

איי, א האלבע שטאט ווייסט גענוי, אויף וועלכע גרופעס ער שרייבט יעדע פינף מינוט, זיינע 'טוויטס' פאָרן ארום, ער 'טשעט' איבער די שטאט, אלעם האט א זייגער און א צייט, אזוי אז הונדערטער מיטגלידער זענען גענוי וויפיל מינוט א טאג דער שלעפער איז עוסק 'לצורך פרנסה' מיט זיינע כלים טמאים.

אז מיר שטייען ערב פרשת החודש הזה לכם.

עס איז א זמן פון התחדשות. אפשר איז די צייט צו מעורר זיין די אידן אז זיי זאלן וויסן אז מ'לאכט פון זיי אונטער'ן רוקן, יעדער ווייסט אז מ'טוט גארנישט 'לצורך פרנסה' אויסער זאגן מיינונגען ביי די אידן, און קוקן וואס מ'טאר נישט ביי די גוים... לצורך "פר-נסה", די אנטלאפענע קו.

פר נסה... נאך פרשת 'פרה', קומט החודש, אפשר איז טאקע א זמן צו מאכן א חשבון הנפש, אפשר קען מען זיך באנייען, אפשר קענען מיר עפענען א נייע בלעטל לכבוד דעם הייליגן "**החודש הזה לכם**".